Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

היינט 8 זייטען.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 20 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

| Nr. 119/16119 | Łódź, Czwartek 23 maja 1929 r. | זיבעטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, יג אייר תרפ"ט | Nr. 119 16119 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 24-71

# געזעץ-פראיעקט וועגען נאצ. מינדערהייטען

## וועט אריינגעטראגען ווערען אין רומענישען פארלאמענט

בוקארעשט, 22 (אטע) די רומענישע רעגירונג האט בדעה אין הערבסט פון לויפענדען יאהר אריינצוטראגען אין פארלאמענט א נייעם אוסטאוו וועגען די נאציאנאלע מינדערהייטען. דער פראיעקט פון אוסטאוו האט אויסגעארבייט דער פרעמיער מאניו צוזאמען מיט עקספערטען און אנפיהרער פון די פארטייען פון די נאציאנאלע מינדערהייטען.

## פויליש-רומענישעווירטשאפטליכע קאנפערענץ

ווארשא, 22 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) סוף היינטיגען חודש זאל זיך אין בוקארעשט אנהויבען א פויליש-רומענישע ווירטשאפטליכע קאנפערענץ. אויף דער קאנפערענץ וועלען בעטראכט ווערען פאלגענדע פראגען:

1) די פראגע פון טראנזיט פון דאנציג ביז גאלאץ איבער פוילען און רומעניען; 2) די פראגע וועגען איינארדנען א פוילישע סטרעפע אין גאלאצער פארט און מעגליך אויך אין קאנסטאנציא; 3) די רעוויזיע פון דעם פויליש-רומענישען האנדעלס-טראקטאט פון יאהר 1929; 4) ליפערונג פון דער פאבריק אין כארזשאוו פאר רומעניען.

## דערגרייכט א פערשטענדיגונג אויף דער פאריזער קאנפערענץ

### וועגען די דייטשע רעפאראציאנס-חובות

בערלין, 22 (ספ. טעל.) דער פאריזער קארעספאנדענט פון „בערלינער טעגעבלאט" מעלדעט, אז היינט פארמיטאג איז ווידער פארגעקומען א זיצונג פון די זאכקענער פון די אנטאנט-מלוכות. אויף דער זיצונג איז שוין ענדגילטיג פארמולירט געווארען די דערגרייכטע פערשטענדיגונג צווישען די אנטאנט-מלוכות מכח דער הויך פון די דייטשע רעפאראציאנס חובות. אויף אזא אופן איז ווידער צוריקגעשטעלט געווארען דער איינהייטליכער פראנט פון די אליאנטען. בעלגיען און איטאליען האבען זיך אפגעזאגט פון זייער ב'ז'איצטיגער געגנערשאפט צום פערטיילונגס-פלאן פון יונג. די פערשטענדיגונג איז דערגרייכט געווארען אויפ'ן חשבון פון דייטשלאנד. מען רעכענט אז נאך היינט אין אווענד אדער מארגען וועלען ד"ר שאכט און זיינע קאלעגען איינגעלאדען ווערען אויף א געמיינזאמער קאנפערענץ.

די „פאסישע צייטונג" טיילט מיט, אז דער ראפארט פון דער פאריזער קאנפערענץ וועט אונטערגעשריבען ווערען נאך סוף פון דער היינטיגער וואך.

## פוילען זאל פערמיטלען צווישען אונגארן, פראנקרייך און רומעניען

וויען, 22. (א. ו.) דער קארעספאנדענט פון דער „נייער פרייער פרעסע" מעלדעט פון אונגארישע גוט אינפארמירטע קרייזען, אז אין דעם געשפרעך פון מיניסטער זאלעסקי מיט די פארשטעהער פון דער אונגארישער רעגירונג האט א גרויסע ראלע געשפילט דאס פראבלעם פון שאפען א פריינדשאפטליכען פאליטישען פראנט פון רוים ביז ווארשא איבער בודאפעשט.

בודאפעשט, 22. (ספ. טעל.) א שטארקען איינדרוק האט דא געמאכט דער סענסאציאנעלער ארטיקעל פון אונגארישען פרעמיער גראף בעטלען אין „רעפעש דע טולוז".

אין דעם ארטיקעל זאגט פאר דער אונגארישער פרעמיער וויכטיגע ענדערונגען אין דער אויסלענדישער פאליטיק פון אונגארן. אין די ראווינע ענדערונגען זאל פוילען שפילען א וויכטיגע ראלע. אונגארן שטרעבט אנצוקניפען פריינדליכע בעציהונגען מיט פראנקרייך און ליקווידירען דעם קאנפליקט מיט רומעניען.

גראף בעטלען שרייבט צווישען אנדערען אז די פריינדשאפט-אפמאך מיט פוילען האט פאר אונגארן א וויכטיגע בעדייטונג דערפאר, וואס מען קאן רעכענען אז פוילען אלס בעפריינדעטע מיט פראנקרייך און רומעניען וועט קאנען ארויסטרעטען אלס פערמיטלער צווישען אונגארן און די ראווינע מלוכות, און דער ווארשאווער פריינד וועט אונז זיכער מיטהעלפען אנצוקניפען פריינדליכע בעציהונגען מיט פראנקרייך און רומעניען.

דער פוילישער אויסערן-מיניסטער זאלעסקי האט אין א געשפרעך מיט פרעסע-פארשטעהער ערקלערט, אז ער איז אי יעדע מינוט גרייט צו העלפען אין דער דערנעהנטערונג פון די מלוכות.

לכבוד מינ. זאלעסקי זענען איינגעארדענט געווארען פייערליכע באנקעטען דורך די אנגעזעהענסטע מלוכה-לייט אין אונגארן.

**דאמען-פאלטענס**

גאבארדין, זיידענע, בערבערען, אויך גומי-פאלטענס צו קאנקורענץ-פרייזען, עמפפעהלט

**„קרעדיטפאל"**

לאדז, פיעטריקאווער 70, פראנט, 2. שט.

אויף ראטעס און פאר קאסע.

טיף ערשיטערט צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון אונזער טייערען, אונפערגעסליכען חבר

# נ. ע. עליאש ווילנער

## אינזשיניער

דריקען מיר אויס דער פאמיליע פון פערשטארבענעם אונזער טיפסטען מיטגעפיהל.

זיין איידעלער און עהרווירדיגער כאראקטער וועט שטענדיג בלייבען אין אונזער זכרון.

דער פערזאנאל

פון דער טעקסטיל-אקציען-געזעלשאפט

„ב. עיטינגאן און קאמפ."

**בעקאנטמאכונג.**

די אלע, וועלכע האבען פראטעסטירטע וועקסלען פון

**א. ליבערמאן פאבריק 40.**

זאלען קומען אין זייערע אייגענע אינטערעסען אין סוחרים-פעראיין, פיעטריקאווער 10, כדי אנצונעהמען א בעשלוס נעגען דער גערילכטס-אויפזיכט פון א. ליבערמאן. 7423

א גרופע גלויביגע.

טיכטיגע

**אינקאסענטען**

וואס זאלען גלייכצייטיג קענען פיהרען יודישע ביכער, ווערען פון היינט אן געזוכט אין שניידער-מייסטער-פעראיין, אל. 1. מאי 2. מעלדען זיך יעדען טאג פון 8–10 אוו. די פערוואלטונג

Dr. med.

**ALEKSANDER MARGOLIS**

Piotrkowska 81, tel. 12-81

צוריקגעקעהרט.

**ציעכאצינעק**

ד"ר מעד. י. פישמאן

ווארשא, טווארדא 21

נעמט אן אין דער וויללע

„קאשצושקא"

(נעבענאיבער די בעדער 2).

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 52 יאהר מיין ליבע פרוי אונזער הייס-געליבטע מוטער און שוויגערמוטער נ. ע.

# פעריל אשת ר' אברהם יוסף נ"י ראזען

צו דער לויה, וועלכע קומט פאר היינט, דאנערשטאג, דעם 23-טען מאי, 12 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז קילינסקיעגא 12, ווערען געבעטען צו קומען אלע פריינד און בעקאנטע, כדי דער פערשטארבענער אפצוגעבען דעם לעצטען כבוד.

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

